בס"ד | **מגזין חסידי ברסלב #4** | חודש **כסלו - טבת** | יצא לאור לקראת **הילולת מוהרנ"ת זי"ע**

# האויר הנח והזך

אינאיינעם באפעסטיגן די לויטערע לופט



באגלייט מיט פיל

**היסטארישע**

**בילדער**

א פייער וואס האט
געפלאקערט און
בני ברק פאר 50
יאר צוריק: די
אטעמפארכאפענדע
אינטערוויו, פיל מיט
נאסטאלגיע און
בענקשאפט מיט
הגה"ח **רבי שמעון**
**טייכנר** שליט"א

## כדאי הוא ר' שמעון



**מעשה שהיה**

די קארטעל וואס
האט געראטעוועט



**אן איבערבליק**

די פעילות אין די
קיבוץ טעג פון ראש
השנה תשפ"ד

**איך וויל זיך קאנעקטן:**ביים רבי'ן אין וואַרט-צימער, מיט מיינע צוויי קינדער, נתן און מושי

אייזיק ווייסמאן

# איך וויל זיך קאנעקטן

## אן אפענער בריוו ערב די יארצייט פון אונזער באליבטער פאסטעך רבי נתן מברסלב זי״ע

**לאמיר** זיך פארשטעלן טייערע ברודער ווי מיר שטייען אין די רייע, אין וואַרט-צימער ביים רבי'ן. ארום אונז געפינען זיך אינגעלייט פון אלע סארטן חסידות פון לענדער ארום דער וועלט. אינגעלייט וועלכע זענען נארוואס נתקרב געווארן צו אט דעם הייליגן רבי'ן. אט אט קומט שוין מיין רייע, איך שטיי גרייט מיט מיינע צוויי קינדער, נתן - צוועלף יאר אלט און דער צווייטער מושי, א לעבעדיג קינד - זעקס יאר צום גוטן. ער לערנט שוין חומש.

**מיר** האבן מיטגעמאכט דעם לאנגן וועג, ווען דער קליינער האט נישט פונקט פארשטאנען פארוואס מען דארף פארן אזא לאנגע, איסגעמאטערטער וועג צו קענען אריינגיין צו אונזער רבי'ן, צו וועלכן מיט זענען מיט גרויס חסידי השם נארוואס מקורב געווארן. דער רבי' פארנעמט ביי מיר דער חשוב'סטער ארט אין מיין הארץ.

**די** טיר עפנט זיך ברייט, אן אינגערמאן, גאנץ א פרישער מקורב, קומט ארויס מיט פארוויינטע אויגן, אבער מיט א לויטערע זיסע שמייכל אויף זיין געזיכט. עס דערקרענט זיך קלאר אז ער האט גע'פועל'ט ביי דעם גרויסן מאן, דער צדיק וואס האט זיך אונטערגענומען אלעמען צו פארריכטן.

**איך** כאפ שנעל די קליינע הענטעלע פון מושי ווען מיין נתן לויפט פאראויס, מיר זענען שוין די הייליגע פארכטיגע צורה פון אונזער רבי'ן, אזא שמחה אזא פרייד, מען זעט אויפ'ן רבי'נס שמייכל אז ער ווארט אונז זייער אויס, ער קען נישט הייסן קיין געטליכער מאן אנדעם וואס ער פארמאגט חסידים וועלכע שטרעבען זיך אן אים צו באזוכן.

**איין** מינוט... מיין טעלעפאן האט זיך פלוצלונג צעקלינגען... איך האב באקומען א וויכטיגע וואטסאפ, מיטן באקאנטן עלעקטראנישן קלאנג... אפשר איז עס מיין שותף בעני, איך האלט אינמיטן פארמאכן א גוטן דיל, אז דאס גייט אריבער, איך זאג דיר, דאסמאל מיין איך עס מיט אן אמת, איך גיי אריין אין כולל, נישט ממש אין כולל, אבער איך פארשפאַר מיין אפיס... איך מוז זען אויף מיין סקרין וואס בעני האט מיטצוטיילן!

״...**אינגערמאן,** שלום עליכם!״

# תוכן הענינים


**ארויסגעגעבן דורך**
ארגון 'האוויר הנה והזך'
+972.73.351.88.54

**היסטארישע בילדער**
ארכיוון פון ר' לייבל ברגר,
אהרן ברגר, גנזי ברסלב

**Design & Layout**
Eagle Group
845 276 4090



**04 | כדאי הוא ר' שמעון**
א פייער וואו האט געפלאקערטן
בני ברק פאר 50 יאר צוריק:
אן אטעם-פארכאפענדע אינטערוויו,
פיל מיט נאסטאלגיע
און בענקשאפט מיט הגה"ח
רבי שמעון טייכנר שליט"א
אינטערוויו שרייבער | **נ. סטאריק**

**די קארטעל וואס האט געראטעוועט | 22**
א פארבלאנזזעטע נשמה האט
געטראפן די וועג: אן אמת'ע
פאסירונג וואס האט זיך אפגע-
שפילט אין די זימער טעג פון פאר
די פארלאפענע ראש־השנה
און זעצט פאר ביז היינט
שרייבער | **דויד וינשטוק**

**29 | אן איבערבליק**
אן איבערבליק איבער
די איבערמידליכע פעולות אין די
קיבוץ טעג פון ראש השנה תשפ"ד
שרייבער | **יאיר לדרמן**

**”הא,** ששששלום עליכם ררבי, איך בין געקומען צופארן מיט מיינע קינדער נתן און מושי. געב שלום פארן רבי'ן, מושי. שוין גייטס אין דער זייט איך וויל עפעס רעדן מיטן רבי'ן, ער זאל ליינען מיין קוויטל, מיטן פדיון וואס כ'האב צוגעלייגט!

**’אוי,** דער רבי זאל מיר נאר העלפן פאררעכטן מיינע איבערגייעכסטער, צומאל ברענט מיין הארץ! אבער נישט אלעמאל מיט די ריכטיגע פייער קאלירן, און רוב מאל שפיר איך זיך ווי קר ויבש, אבער רבי איין זאך וויל איך איינמאל פאר אלעמאל...’

**איך** וועל ענק לאזן אליין וועבן דעם אויספיר פון דער מעשה, נישט ווייל די מעשה קען נישט געשען אין דמיון אין רבי'נס צייטן, ווייל עס איז דאן נאכנישט געווען קיין וואטסאפ. ניין, אין רבי'נס צייטן איז יא פאראהאן אלע סארטן טעכנאלאגיע ווייל דער רבי לעבט מיט אונז היינטיגע צייטן דא, ער רועט אין אט דעם הייליגן צימער, מיר אלע ווייסן זייער גוט וואס אונזער באליבטער רבי האט געזאגט פאר זיין טאכטער: ”איך גיי אריבער פון איין צימער צום צווייטן”, יא, אונזער הייליגער רבי נעמט אונז אויף. מיר גייען זיך קוויטלען, טאקע מען זעט אים נישט מיט די פליישיגע אויגן, אבער עס איז אסאך טיפער און מיר זענען אסאך מער מחובר צו אים ווי צו סיי וועלכער פערזענליכקייט מיר האבן סיי ווען אמאל באגעגנט. און ביי אזעלכע אזויגערופענע באגעגענישן היינטיגע צייטן וואלטן מיר זיכער נישט גענומען די דרייסטקייט ארויסצונעמען אזעלכע כלים וואס קען זיך נישט פּאַרן ביי אזא סארט באגעגעניש.

**מיין** באליבטער ברסלב'ער חבר, איך רעדט צו מיר אליין. מיר אלע האבן נסיונות. מיר לעבן אין א וועלט פון שכחה און בהלה. אבער טאקע דערפאר זענען מיר ב"ה מקורב געווארן צו דעם רבי'ן וואס בלאזט אוועק פון אונז די אלע אילוזיעס. מיר זענען שוין ארויף א כתה. מיר קענען און דארפן זיך פארשטעלן ווען מיר דרייען זיך איין רעכטס, בארג אראפ פון

> **ניין, אין רבינ'ס צייטן איז יא פאראהאן אלע סארטן טעכנאלאגיע ווייל דער רבי לעבט מיט אונז היינטיגע צייטן דא, ער רועט אין אט דעם הייליגן צימער**

פושקינא- גאס, אריין צו דעם הייליגן טויער, ווי מיר וואלטן אריינשפאצירט אין הר המוריה נאכן דריטן אויפבוי און מיר ווערן אויפגענומען פון די כהנים. מיר גייען שוין נענטער און מיר זעען דער באצויבערטער ליכטיגער אולם און אזוי ווייטער, ווי ווייט דער הייליגער מדמה קען אונז טראגן. יא, דא אין פושקינא געפינט זיך היינטיגע צייט דער כח המושך אזוינס וואס מיר האבן געהאט ביים משכן, ווען די נחשים ועקרבים זענען געווארן אויס פון דער עמוד הענן והאש.

**מיר** וועלן לאזן דעם 'טריף פסול' פאר די רוסישע פויערן אינדרויסן ביים טויער און מיר קומען אריין צום הייליגן ציון מיט אונזערע קינדער און נעמען א בלעטל שמות אדער סיי וועלכע ספר אין דער האנט. מיר פארגינען זיך די פאר שעות צו זיין ביי התבודדות אליין מיט אונזערע ליכטיגע נשמות, אליין מיטן צדיק. עס קומט זיך אונז א וואקאציע פון די אלע סארטן כלים. מיר וועלן נישט צולאזן אז די כוואליעס פונעם מבול זאל קענען ארייינשפריצן מיט די הילף פון אומריינע טעלעפאן אין די מינוטן ווען מיר געפינען אין אונזער אמת'ער היים. דא אין אומאן איז אונזער הויז, אונזער איינציגסטער תקוה. מיט א שטארקע באשלוס וועלן מיר בלייבן ריין און ווערן מקושר צו אט דעם הייליגן רבי'ן וואס ווארט שוין אזוי צו באקומען חילוץ עצמות פון אונזערע געשמאקע עבודות וואס מיר פראוון דארט און ער וועט אויספירן מיט אונז דעם גרויסן תיקון פאר דער גאנצער בריאה וואס ער וויל אויספירן און האט שוין אויסגעפירט.

**צום** שלום, לאמיר מאכן א קליין תפלה צום באשעפער מיר זאלן אננעמען די פאר ווערטער ריכטיג, עס זאל זיין נאר לקרב ולא לרחק, און בקרוב זאלן מיר שוין זוכה זיין צו ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, אמן ■



א פייער וואכ
און בני ברק
די אטעמ
אינטע
נאסטאלגי
מיט הגו
**טייכ**



# כדאי הוא ר' שמעון

ס האט געפלאקערט
פאר 50 יאר צוריק:
-פארכאפענדע
ערוויו, פיל מיט
ע און בענקשאפט
ה"ח רבי **שמעון**
**בנר** שליט"א

**שרייבער** | נ. סטאריק
**בארבעט** | יהודא טל
**בילדער** | אברהם שלמוי

א שרייענדער אויסרוף! | חיל ורעדה – כדאי הוא ר' שמעון | פון חזו"א צום שאטן פון רבינו | צווישן פאנאוויטש'ער ישיבה צו גראדנע | דער פריינטליכער קלאפ וואס האט געטוישט מיין לעבן | דער חבורה פון הגה"ח רבי נתן ליבערמענטש | דער גלוסטע־ניש צו וויסן ווער און וואס איז דער 'צדיק' | דער באהאלטענער טאנץ... | חבורת המקורבים - די ליטווישע הערצער | די ערשטע רייזע צום אויסגעבענקטן שטאט אומאן | די כיסופים | "אט אזוי, אט אזוי האבן מיר געדאווענט!" | "ווייל אזוי גייט היינט" | הכנה דרבה – דער הייליגער ציון קודש הקדשים | א תנאי צו ווערן אויסגעהיילט | דער רבי איז דא! | "און דיר קען איך נישט" | זיין א ירא שמים | מיר דארפן פארשטערקערן אונד־ער באוואוסטזיניגקייט | אויף דיינע אקסלען ליגט די אחריות אויף | דער רבי דארף אונז האבן | און איינטריט קארט לפני ולפנים | מיט וואס זענען די באדינער מער מיוחס ווי די שרים?



**א שרייענדער אויסרוף!:** א גייסט פון התעוררות הערשט אינעם אטמאספער, א גייסט פון התחדשות, א גייסט פון קינדער וואס קערן זיך צוריק צו זייער טאטן אין הימל, יעדער איינער לויט זיין דרגה, אבער ס'איז קלאר פאר יעדן אז דער סיגנאל פון הימל איז געווען צו ווייטאגליך אז מיר זאלן עס קענען איגנארירן. די נאכוויייען און וואונדן וואס האבן זיך נאכנישט אנגעיאגט צו היילן ברענגען ארויס אן אויסרוף - א געשריי - פונעם טאטן צו זיינע קינדער: שובו בנים שובבים! די דורכדרינגליכע צייכנס ווייזן אויף א געוואלדיגער קריאה של חיבה.

**חיל ורעדה:** אין ליכט פון די שטארקע התעוררות וואס בלאזט לעצטנס אינעם עניין פון היטן די קדושה פונעם ציון פון רבינו הק', אן עניין וואס איז ביז נישט לאנג צוריק געווען קלאר פאר יעדן וואס האט נאר געהאט א פארבינדונג צו משנתו של הצדיק; אז אויב מיר פארמאגן נישט קיין שום השגה אין דעם צדיק'ס קדושה, איז דאך אוודאי זיין הייליגן ציון אינגאנצן באהאלטן און פארבארגן, און ווי באקאנט אז ביז נישט לאנג צוריק – ביז א דור פאר אונז, פלעגט א שטארקע פארכט און ציטעריניש ארומנעמען דעם גאנצן קערפער אנקומענדיג נאך ביים טויער פון ציון.

מיר האבן זיך צוזאמגעזעצט צו א שמועס און זיך מעורר געווען מיט פערל ווערטער פון אזעלכע ביי וועמען עס איז נאך טיף איינגעקריצט אין הארץ דער פייער וואס פלעגט ארומנעמען די עולי רגל ביים אנקומען צו רבינו הק' זיע"א.

**כדאי הוא ר' שמעון:** דאסמאל האבן מיר אויסגעוועלט צו מאכן אן אינטערוויו מיט הגה"ח רבי שמעון טייכנער שליט"א פון די חשוב'ע משפיעי אנ"ש, וואס טוט אינעם עניין פון תשובה; ער קערט שוין לאנגע יארן צוריק פארבלאנדשעטע קינדער צו זייער טאטן אין הימל. לאמיר הערן וואס ער האט צו זאגן און לאמיר זיך מחזק זיין. דערביי וועלן מיר הערן זיין פערזענליכן ערציילונג ווי אזוי ער איז נתקרב געווארן צום אור האורות דער צדיק יסוד העולם רבינו הק' הנמ"ח זיע"א. מיר וועלן מיטאמאל אריינשווימען אין איינע פון די וואונדערליכע וועלטן אין די קליינע ברסלב פון פאר א יובל צוריק, אריינדרינגען אין די דרייסטע שריט פון א יונג בחור'ל קעגן אלעס וואס איז אנגענומען אין זיין סביבה, פארשטייענדיג די וואונדערליכע רייזע וואס די נשמה מאכט; מיין נשמה, דיינע, און אונזער אלעמענ'ס...

מיר זענען דארט געזעסן צוויי שעה וואס זענען אריבערגעפלויגן ווי אן אויגנבליק. נאך א שטארקע ציפ אויף אונזערע באקן וואלט אונז אפשר געקענט דערמאנען אז מיר געפינען זיך נאך אייגנטליך אויף דעם ערדישן וועלט, מיר זענען אריינגעשלעפט געווארן אין געגנצליך אן אנדער פלאנעט.

# פון חזו"א צום שאטן פון רבינו

**▪ פראגע: ערשטנס, עס דאכט זיך אונז אז איר שטאמט פון א ליטווישע משפחה, א פאמיליע וועלכע זענען געווען מקורב צום חזו"א זצ"ל, דאס מיינט אז איר זענט געבוירן געווארן צווישן למדנים וועלכע זענען זייער ווייט פונעם צדיק'ס וועלט, לכאורה איז דאס אינגאנצן אנדערש ווי ז"י. עס זענען דא אזעלכע וועלכע שטעלן זיך קעגן חסידות בכלל און קעגן ברסלב בפרט, ווי אזוי האט איר זוכה געווען זיך צו דערווייסן און זיך דערנענטערן צום הייליגן אור פונעם רבי'ן?**

**ענטפער:** יא, מיין טאטע הרה"ח ר' אברהם מנחם טייכנר זצ"ל איז אריפגעקומען יונגערהייט קיין ארץ ישראל. דאס איז געווען אין יאר תרצ"ד – דאס מיינט פאר פונקט 90 יאר צוריק. דא אין לאנד איז ער זייער נתקרב געווארן צום חזו"א זצ"ל, און ווען

איך בין אנגעקומען צו די ימי הבחרות בין איך אריין אין די בארימטע פאנאוויטש'ער ישיבה.

## צווישן פאנאוויטש'ער ישיבה צו גראדנע

אין יאר תשכ"ה בין איך געווען א יונגער ישיבה בחור'ל וואס האט זיך ארומגעדרייט אינעם קארידאר פון פאנאוויטש'ער ישיבה פארטיפנדיג זיך אין יעדן 'קנייטש' פון א קצות און נתיבות. אנדערש ווי אנדערע מקורבים וועלכע זענען נתקרב געווארן צו ברסלב דורך די קאנפליקטן און שוועריקייטן, האב איך זעלבסט געשפאנט אין א גראדן וועג. מיין הארץ איז נישט אנטלאפן צו פרעמדע פעלדער און עס איז מיר געווען געווען [sic] וואס איך האב פארמאגט, כ'האב נישט געוואוסט וואס חסידות מיינט און אודאי האב איך נישט געהערט איבער די ברסלב'ער באגריפן. אין מיינע אויגן זענען די אלע ענינים געמאכט געווארן פאר אזעלכע וועלכע האבן שוין געענדיגט לערנען ש"ס און פוסקים און זענען שוין בקי אין יעדן תג פון תורת הנגלה, נאר דאן קענען זיי אנרירן אנדערע וועלטן.

אין יענע תקופה בין איך ארויף צו שיעור ב' ישיבה קטנה, אנפאנג וועג. דאן האט דער פאנאוויטש'ער רב אויפגעשטעלט 'גראדנע'. אין זייט פון די בארימטע פאנאוויטש איז דאן אויפגעשטעלט געווארן א שטערקערער מער-קאנצענטרירטער ראם, וואס דער צאל פון אירע תלמידים איז נישט צוגעקומען צו די ריזיגע פאנאוויטש'ער ישיבה, 'גראדנע' איז דאן געווען א טייל דערפון, א קליינע ישיבה וואו עס איז אינוועסטירט געווארן א געוואלד מיט געלט צו מערן אזעלכע וועלכע לערנען און זענען עוסק אין עבודת ה', אפי' אין גשמיות'דיגן זין איז דארט געווען א גרויסע הרחבה וואס מאכט קלארער דעם מח און העלפט זיך בעסער צו פארטיפן אין די סוגיא'ס פון אביי ורבא.

צווישן די מבקשים פון ישיבת 'גראדנע' האט געלערנט מיט א שטארקע התמדה א ספעציעל דערהויבענער בחור מיטן נאמען אברהם מרדכי פעלבערבוים, ער האט זיך נישט גערעכנט צווישן די בחורים פון מיין שיעור, ער איז גראדע געווען א בחור פון שיעור א' ישיבה גדולה.



מרן החזו"א זצ"ל



פונוביז' ביסודה



הבחור רבי אברהם מרדכי פלברבוים

דער אונטערשייד וואס האט דאן געהערשט צווישן די עלטערס איז געווען אזוי שארף און קלאר, אז עס האט נישט געפאסט א תלמיד פון א העכערע שיעור זיך צו וויסנדיג מאכן פון בחורים נישט אין זיין עלטער, יעדער האט זיך באפריינדעט מיט די חברים פון זיין שיעור.

## דער פריינטליכער קלאפ וואס האט געטוישט מיין לעבן

פלוצלינג האב איך באקומען פון יענעם איידעלן בחור א פריינטליכן קלאפ אויפן פלייצע: "שמעון?!"

דער פריינטליכער קלאפ האט מיר זייער איבער־ראשט. וואס ברענגט א חשוב'ער בחור פון א העכערע שיעור, זיך צו ווענדן צו אזא יונגער בחור און נאך רופן ביים נאמען?

אברהם מרדכי האט פארגעזעצט, פרעגנדיג מיר מיט א מכובד'יגן טאן: "איך זוך א חברותא זיך צו מחזק זיין אין עבודת ה', כ'וועל זיך פרייען אויב דו וועסט צושטימען צו קומען און פארברענגען מיט מיר, צו אפשמועסן א צייט צו שמועסן און רעדן!"

מיין איבערראשונג איז געווען אומגעהויער און אויפן פלאץ האב איך צוגעשטימט.

"שבת צווייי אזייגער נאכמיטאג אין דארמיטארי, איז גוט פאר דיר?" האט ער געפרעגט.

"אוודאי!" האב איך געענטפערט באגייסטערט.

פארשטייט זיך אז איך האב זיך נישט פארזוימט צו קומען. מיר האבן געשמועסט מיט ברען איבער דעם תכלית און מהות, איבער דעם שמאלן גרעניץ צווישן עצבות און שברון לב... דערווייל האב איך דארט באמערקט א קליין קונטרס וואס פארמאגט אין זיך צוויי ספרים מיט די נעמען: 'שבחי הר"ן' און 'שיחות הר"ן', דאן האב איך נאכנישט געוואוסט איבער וועלכע 'ר"ן' עס רעדט זיך, אבער דאך האט מיר עס אויסגע־זען אינטערעסאנט און איך האב אים געפרעגט אויב איך קען עס בארגן פון אים אויף אפאר טעג. אברהם



דערווייל האב איך דארט באמערקט א קליין קונטרס וואס פארמאגט אין זיך צוויי ספרים מיט די נעמען: 'שבחי הר"ן' און 'שיחות הר"ן'


פאר בערך 20 יאר רבי נתן ליברמנש שליט"א אין סיום 'ליקוטי מוהר"ן' אין בית מדרשינו 'פאר הנחל' אין מאנסי.


דער חתן רבי אברהם מרדכי פלברבוים, אויף לינקס ליבלחט"א רבי נתן ליברמנש, און הגאון הגדול רבי משה שמואל שפירא זצ"ל ראש ישיבת באר יעקב ביים שרייבן די כתובה.


די פעלדער און בני ברק ווי די חבורת הבחורים האבן געמאכט התבודדות

מרדכי האט צוגעשטימט און איך האב גענומען דעם קליינעם קונטרס ביי מיר. יעדן טאג ביי מיטאגצייט ווען איך האב זיך אראפגעלייגט זיך אפרוען בין איך אריבער א בלאט נאך א בלאט פון די ספרים און איך האב געטראפן דארט ספעציעלע רייד וואס כ'האב נאך קיינמאל געהאט געהערט. איך האב זיך איבערצייגט אז עס רעדט זיך דא פון א צדיק אמת. די אויבנדערמאנטע ספרים האבן אריינגעבלאזן אין מיר א גייסט ווי פון אן אנדער פלאנעט, עס האט אויפגעוועקט אין מיר פארבארגענע סטרונעס - אבער דאן נאכנישט גענוג כדי זיי זאלן פארוואנדלט ווערן אין א ניגון.

## דער חבורה פון הגה"ח רבי נתן ליבערמענטש

דער פארבינדונג מיט ר' אברהם מרדכי האט זיך פארשטארקט און איך בין פארוואנדלט געווארן צו זיין נאנטן פריינט. אין א געלעגנהייט האט ער מיר פארגעשלאגן צו קומען הערן א שיעור אין ליקוטי מוהר"ן. דער שיעור איז געגעבן געווארן דורך א ת"ח, דער משגיח פון די ברסלב'ער ישיבה אין בני ברק. דער משגיח אין יענע טעג איז געווען נישט קיין אנדערער ווי רבי נתן ליבערמענטש שליט"א, פון די גדולי זקני אנ"ש לאוויש"ט.

א שיעור אין ספרים פון רבי נחמן מברסלב? ס'איז אינטערעסאנט, איך וויס שוין אז ער איז געווען א גרויסער צדיק, אויב ס'איז דא איינער וואס קען געבן א שיעור אין זיינע ספרים איז דאס עפעס



**דאסמאל, אנדערש ווי געווענליך, בין איך אנגע-קומען צום געטרייעם מגיד שיעור - רבי נתן שליט"א, דאס מאל אין א פריוואטן אופן אים צופרעגן א קליין פראגע וואס האט מיר שטארק געבאדערט**

וואס קען מיר זיין זייער אינטערעסאנט – כ'האב מסכים געווען.

כ'בין דארט געגאנגען זייער איינגעהאלטן. מיט מיין תמימות האב איך געמיינט אז איך בין דער איינציגסטער קוראזשפולער בחור, אבער אנקומענדיג בין איך איבערראשט געווארן צו טרעפן דארט אסאך פון מיינע חברים, און דערצו נאך בחורים פון אנדערע ליטווישע ישיבות וואס האבן זיך אויך באטייליגט אין יענעם שיעור און געשלונגען מיט דארשט זיינע רייד. די שיעורים זענען געגעבן געווארן מיט ברען, אינגאנצן אנדערש ווי דאס וואס איז מיר געווען באקאנט ביז דאן.

יענער איינמאליגער פלאקער איז פארוואנדלט געווארן צו א קביעות. אזוי האב איך זיך יעדע וואך געטראפן שפאנען מיט מיינע חברים צום שיעור.

רעדט אייך נישט איין, איך בין נאכנישט געווארן א ברסלב'ער... די שיעורים זענען טאקע געווען עפעס ספעציעל און די התעוררות און התחזקות האבן מיר געגעבן א געוואלד מיט בענזין פאר מיין לעבנס רייזע, אבער דאך, דאך האב איך נאכנישט באשלאסן אריבערצוגיין צום צווייטן זייט.

## דער גלוסטעניש צו וויסן ווער און וואס איז דער 'צדיק'

■ **שבת פרשת "פרה"; דאסמאל, אנדערש ווי**

**גוועגליך, בין איך אנגעקומען צום געטרייעם מגיד שיעור – רבי נתן שליט"א, דאס מאל אין א פריוואטן אופן אים צו פרעגן א קליין פראגע וואס האט מיר שטארק געבאדערט. איך האב זיך געוואנדן צו אים און געזאגט אז איך האב זייער הנאה פון די שיעורים, אבער איך וויל איבערשמועסן עפעס וואס איך פארשטיי נישט גענוג.**

רבי נתן שליט"א האט מיר זייער שיין אויפגענומען – א זאך וואס האט צוגעהאלפן צו עפענען מיין הארץ, און איך האב אים איבערגעזאגט אז איך הער אסאך ביי די שיעורים אז עס איז דא א 'צדיק', "כ'וואלט זייער געוואלט וויסן וואס איז דער דאזיגער 'צדיק'? ווער איז יענער 'צדיק'?".

זיך צו פארנעמען מיטן ענין פון א 'צדיק' איז געווען פאר מיר א נייע זאך, און אפילו אביסל מאדנע, איך האב קיינמאל נישט געהערט דערוועגן. כ'האב געוואלט הערן איינצלהייטליך איבער דעם ענין און זיין מהות.

רבי נתן שליט"א, וויבאלד ער האט שוין באקומען ערלויבעניש, האט גלייך געעפנט זיין מויל און אנגעהויבן ערקלערן בטוב טעם ודעת דער תפקיד פונעם רבי'ן אין אונזער דור, און ווי אזוי ער קומט אריין אין אונזער פריוואטער לעבן. די רייד זענען געפלאסן פון זיין מויל ווי א וואסערפאל, און ביז היינט זענען נאך טיף איינגעקריצט די דאזיגע יסודות וואס רבי נתן האט אויסגעפארעמט ביי מיר אין הארץ מיט פלאקער, איבער דער מהות פונעם צדיק, ווי אזוי ער האט באלויכטן אונזער וועג, ווי אזוי ער נעמט נשמות און דערהייבט זיי, ווי אזוי ער לאזט נישט מנוחה אונזער נפש נאר איז מעורר אונזערע הערצער פאר די ציל פארוואס מיר זענען געקומען אויף דער וועלט.

דערביי האט ער מיר ערקלערט אז פאר אזא גרויסער


רבי יהודה קיפניס שליט"א


רבי משה בינינשטוק שליט"א


רבי זאב אטינגר שליט"א


רבי מרדכי טורץ זצ"ל


רבי נחמן גלינסקי זצ"ל


רבי ישראל הירש זצ"ל



רבי אברהם מרדכי פלברבוים זצ"ל
מיט יבל"ח רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א

צדיק איז פארשטענדליך אז עס זאל זיין קעגן אים א שטארקע התנגדות און מחלוקת. אזוי ווי אויף יוסף הצדיק איז געווען מחלוקת, אזוי איז אויך אויף גרויסע דערהויבענע צדיקים און קדושים, און אזוי איז אויך אויף רבינו הקדוש רבי נחמן מברסלב זי"ע. אז מען וויל זיך אמת'דיג מקרב זיין צו אים און זוכה זיין זיך צו פא־רבינדן מיט אזא צדיק מופלג וואס זאל אונז אויפוועקן פון שלאף צו זוכה זיין צו די אלע הייליגע תיקונים וואס איז מעג־ליך צו זוכה זיין אונטער זיין הייליגן שאטן, דאן דארף מען אמת'דיג ווערן מיטן גאנצן הארץ, און זיך מקבל זיין אינגאנצן נישט צו קוקן אויף די קריגערייען.

די דאזיגע ווערטער וועלכע האבן געעפנט פאר מיר א נייע שיינענדע וועלט, האט איינגענומען מיין הארץ און געש־פאלטן מיין מח. די קלארע רייד זענען אריינגעדרונגען אין אפענע אויערן און א דארשטנדע נפש, כ'האב געפילט ווי א שטארקער שיין דרינגט אריין אין מיין לעבן און שאקלט אויף יעדע סטרונע פון מיין נפש.

דער כלל וואס ער האט באוויזן אריינצולייגן אין מיר – אינעם קאפ פון



דער ראש החבורה
רבי **נתן ליברמנש** שליט"א

א ליטווישער ישיבה בחור – איז געווען אז אויף היינט איז דא אויף דער וועלט א צדיק הדור צו וועמען מיר דארפן זיך מבטל זיין און זיך רופן אויף זיין נאמען, און

# די התרגשות וואס האט דאן געהערשט צווישן די באטייליגטע ביים קיבוץ איז אומ-מעגליך צו שילדערן

איבער דעם גרויסן זכות דערביי.

## דער באהאלטענער טאנץ...

איך קען נישט פארגעסן אז ווען איך בין ארויס פון דארט, בין איך געווען ווי 'שיכור און נישט פון וויין', ארו־מגענומען מיט באגייסטערונג און צושאקלט פון פרייד.

כ'געדענק אז ווען מיר האבן געענדיגט די שמועס אין יענעם שבת, בין איך אהיימגעגאנגען אין שטוב מיט א קאפ פול מיט געדאנקען, מיין הארץ האט שטאלצירט מיט די דערהויבענע שמחה, אז ווען איך בין אנגעקו־מען אינדערהיים האב איך געפילט אז איך מוז טאנצן. איך האב זיך ארויסגעלאזט אין א טענצל מיט אזא 'כל עצמותי תאמרנה'... מיטן גאנצן הארץ און קערפער... כ'האב מורא געהאט אז מען וועט מיינען אז איך בין אראפ פון זינען, קיינער וועט נישט פארשטיין פאר־וואס איך טאנץ, און כדי איך זאל נישט ארויסזען אינגאנצן משוגע און אויך צו איינצוימען אביסל די שמחה וואס איז אריבערגערונען אלע גרעניצן, האב איך גענומען מיין קליין איין יעריגער ברודער'ל און כ'האב ווי געטא־נצט מיט אים, אז די זייטיגע צוקוקער זאלן האבן אן ערקלערונג צום טאנץ...

יארן שפעטער האב איך געפרעגט רבי נתן ליבערמ־ענטש שליט"א אויב ער געדענקט נאך יענעם שמועס. "ווי אזוי קען מען פארגעסן?" האט ער מיר געענטפערט. "נאך יענעם שמועס האט מיר געפייניגט דער געוויסן אז אפשר האב איך מקדים געווען דאס אלעס אביסל צו פרי, כ'האב מורא געהאט אז אפשר זענען דאס געווען צו שארפע און דורכדרינגליכע רייד, דיבורים פון ריבוי אור, וואס קענען פארלעשן דעם ליכט און די־ר חלילה דערווייטערן אז דו זאלסט מער נישט קומען הערן די שיעורים. נאר ווען דו ביסט ווידער געקומען זיך באטייליגן אינעם קומענדיגן שיעור, האב איך פריי אפגעאטעמט..."

## חבורת המקורבים -די ליטווישע הערצער

■ **פראגע: וועלכע נאך חברים געדענקט איר פון יענע חבורה פון די מקורבים ביים שיעור פון רבי נתן ליבערמענטש שליט"א?**

**ענטפער:** אין אונזער חבורה זענען געווען אסאך ליטווישע בחורים – 'ליטווישע הערצער'... איך געדע־נק מיין חברותא רבי אברהם מרדכי פעלבערבוים ז"ל, רבי מרדכי טורק ז"ל, רבי ישראל הירש ז"ל, רבי שלום יוסף זולבערג ז"ל (וואס איז אוועק פאר בערך צוואנציג יאר צוריק, געוואוינט אויף דבורה הנביאה גאס אין בני ברק און האט געדאוונט אין שול פון די אנ"ש אין ישיבת ברסלב), און לבחל"ח זענען אויך געווען רבי יהודה קי־פניס, די ברידער רבי משה און רבי נפתלי בינענשטאק, רבי זאב אטינגער שליט"א, און נאך. עס זענען אויך גע־ווען מיט אונז 'אנוסים' – אזעלכע וואס זענען נתקרב געווארן באהאלטענערהייט... עס זענען דא אזעלכע וועלכע זענען נאך ביז היינט ברסלב'ער חסידים בלב ובנפש אבער באהאלטענערהייט... א יאר שפעטער איז אויך רבי נחמן גאלינסקי ז"ל נתקרב געווארן און נאך אסאך אין מיין עלטער וועלכע האבן באשלאסן זיך צו שיצן אונטערן צדיק'ס שאטן.

אין חבורה האבן מיר אויך געהאט א חבר וואס איז אריבער א גאנצע מסכתא פון מניעות וואס האבן אים נישט געלאזט זיך מקרב זיין, כ'קען נישט פארגעסן ווי זייענדיג ראש השנה אינעם קיבוץ אין ירושלים עיה"ק, איז זיין טאטע אנגעקומען און אים געצווינגען צו פארלאזן דאס ארט, אויסדריקנדיג אומצופרידנקייט אז ער דע־רנענטערט זיך צו ברסלב, זינט דאן איז ער אויך געווארן אן 'אנוס' ווען אלע זיינע פעולות זענען געטון געווארן באהאלטענערהייט. ער האט זיך אריינגעדרייט אין די ליטווישע וועלט און האט אפילו ערררייכט א מכובד'יגע









שטעלע, אבער טיף אין הארץ איז ער נאך ביז היינט מקושר צום נחל הנובע.

יענע שיעורים זענען פארוואנדלט געווארן צו א באשטימטע חבורה פון בחורים וועלכע שטרעבן צו גיין אויפן ריכטיגן וועג. די התרוממות און ברען וואס האט געפלאקערט אין די הערצער פון אונז אויסד־ערוועלטע איז אומבאשרייבליך. די רייזעס צום פעלד מיט די 'שבעין הקלין', די סיפורי מעשיות שבת נאכן דאווענען ותיקין, די פייערדיגע שלש סעודות דרשות, דאס אלעס איז פארוואנדלט געווארן צו איין פא־ראייניגטע חבורה פון עובדי ה' וועלכע שפעטן פון די גאנצע ערדישע וועלט, ווען זייער גאנצער חשק און גלוסטעניש איז נאר קרבת אלוקים און דביקות צום אמת'ן וועג.

איי, ווי ברענגט מען צוריק יענע טעג...

## די ערשטע רייזע צום אויסגעבענקטן שטאט אומאן

**▪ פראגע: וואס געדענקט איר פון אייער ערשטע רייזע צום אויסגעבענקטן שטאט אומאן ביים פוקד זיין דעם הייליגן ציון פון רבינו הקדוש?**

**ענטפער:** מיין ערשטע רייזע איז געווען אין יאר תש"נ, א יאר נאך וואס דער אייזערנער פאראהאנג איז שוין געפאלן. די התרגשות וואס האט דאן געהער־שט צווישן אונזערע לייט וואס האבן זיך באטייליגט ביים קיבוץ איז אוממעגליך צו שילדערן, ווי דער שיין וואס באלייכט דעם חתן'ס געזיכט איז דער שיין גע־ווען קענטיג אויפן ציבור.

## די כיסופים

כ'געדענק אז כ'האב דעמאלט געטראכט אז יעצט פארשטיי איך די רייד פון די גמרא וואס שילדערט די יו"ט טעג אין ביהמ"ק מיט די שטארקע פרייד און גילה וואס האט דארט געהערשט, ווען די עולי רגל האבן נישט געכאפט קיין דרימל דורכאויס די גאנצע זיבן

יום טוב טעג; כ'האב שטענדיג געטראכט ווי אזוי קען מעגליך זיין אז א פשוט'ער מענטש זאל קענען זיין וואך אזוי לאנג אן כאפן קיין שום דרימל, אבער אין יענעם מעמד איז מיר עס קלאר געווארן. כ'האב געזען מיט מיינע אייגענע אויגן ווי די באטייליגער אינעם קיבוץ האבן זיך אזוי געפריידט פון איין זייט און אזוי געפא־רכט פון צווייטן זייט, און דורכאויס די גאנצע צייט פון אנפאנג רייזע ביזן אנקומען אהיים, האבן זיי כמעט נישט געכאפט קיין דרימל, ווי זיי וואלטן אויסגעריסן געווארן פונעם ערדישן וועלט צו א לויטערערע ריינע פארבארגענע וועלט.

## "אט אזוי, אט אזוי האבן מיר געדאווענט!"

איך געדענק אז ראש השנה ביינאכט, ווען מיר האבן געדאווענט אין מיגאמעטער, איז געשטאנען נעבן מיר אן עלטערער רוסישער איד, האלב אפגעגאלט, פון די אז־עלכע וועלכע זענען אריבער די לאגערן און האבן אויף איבערגעלעבט די שרעק פונעם קאמאניזם בלייבנדיג מיט א גאנצע אמונה אין באשעפער, ווען דער דעמא־לטדיגער חזן – ר' משה בינענשטאק, האט אנגעהויבן דעם 'ברכו' מיטן ספעציעלן ניגון, איז יענער זקן ארויס פון זיין גלייכגעוויכט, שרייענדיג מיט באגייסטערונג ווען טרערן פינקלען אין זיינע אויגן: "אט אזוי, אט אזוי האבן מיר געדאווענט! ביים אומאן'ער קלויז איידער דער גרויזאמער קאמאניסטישער רעזשים האט זיך אויפג־עשטעלט!", ער האט דאן געלאזט הערן די געוואלדיגע תפילות וועלכע מען האט געזונגען יארן צוריק ביים קיבוץ אין אומאן. אשרי עין ראתה אלה, כ'מיין אז מען קען עס בשום אופן נישט שילדערן.

■ **פראגע: לויט די אינטערעסאנטע שילדע־רונגען זעט אויס אז עס איז דא א שטארקער אונטערשייד צווישן די געוואלדיגע הרגשים וואס יעדער האט דעמאלט געשפירט, צו די געפיל וואס הערשט היינט. צי קענט איר אנ־ווייזן דער אורזאך צו דעם שינוי?**

**ענטפער:** אסאך ענטפערס זענען דא. אסאך וועלן עס גלייך אנהענגען אין 'ירידת הדורות' וכדו', באגריפן וואס זענען טאקע ריכטיג, אבער ס'איז נישט נאר דאס.

## "ווייל אזוי גייט היינט"

מיר זעט אויס אז דאס גייט אסאך טיפער. די דעמא־לטסדיגע רייזע איז געווען נאך אסאך יארן פון געגועים באגלייט מיט שעות אויף שעות פון התבודדות, די יארן פון מניעות האבן נאכמער צופלאקערט דעם חשק און דאס האט צוגעברענגט אז מען זאל זיך שטארקן איבער די שוועריקייטן אויפן וועג.

ס'איז נישט צום פארגלייכן איינער וואס קומט צום צדיק נאך א גאנצער יאר פון רצונות און כיסופים בבחינת מתי יבוא לידי ואקיימנו, דער זארג וואס נעסטיגט אין הארץ אז אפשר וועלן זיך די מניעות שטארקן און מען וועט נישט זוכה זיין אנצוקומען; און ווען ער קען זיך צום סוף מתגבר זיין איבער אלעס, איז די התרגשות און פארכט געוואלדיג, ס'איז אינגאנצן אנדערש ווי א מענטש וואס קומט "ווייל אזוי גייט היינט", און ער קען נישט שטיין קעגן די אלע ציענדע פראפעגאנדע וואס טוט זיך דארט.

א איד האט זיך אמאל אויסגערעדט פאר מיר: "דער עיקר סיבה פארוואס איך פאר אין אומאן איז ווייל איך בין נישט אומשטאנד צו זען די בני ברק'ער גאסן ראש השנה. דער געדאנק אליין קראצט מיר שווין אין מח".

נו, וואס קען מען שוין ערווארטן פון אזא מענטש, זאל ער נאך באגייסטערט ווערן פון אזא רייזע? דער עיקר אז ער זעט נישט בני ברק פאר זיינע אויגן, אלע אנדערע זאכן איז שוין נאר א באנוס!

דער געדאנק ערוועקט א שמייכל, אבער נאכמ־ער – וויטאג...

דאן איז נישט געווען אזוי, די מאסן מענטשן וואס שלענגלען זיך אויף די גאסן פון אומאן איז טאקע א געבענטשטע זאך, און ווי באקאנט דער 'ריבוי הבתים' וואס געשעט דורכדעם. אבער צומאל קען מען אינגאנצן פארלירן דעם ציל פארוואס מען האט זיך געוואלגערט אזא לאנגע רייזע ביז דארט.

**פראגע: וואס קען מען יא זאגן די אנ"ש, ווי אזוי קען מען צוריקקערן כאטש אביסל יענע דערהויבענע געפילן, זיך צו מחדש זיין מיטן זעלבן 'אור היקרות' און ערוועקן דאס הארץ?**

**ענטפער:** אונזערע רבי'ס ז"ל האבן אונז געלערנט אז ביי יעדע דבר שבקדושה דארף מען א הכנה. מען קען נישט פארגלייכן איינער וואס גייט צו צו א יו"ט אדער יעדע דבר שבקדושה, זייענדיג גוט צוגעגרייט אין אן אופן וואס זאל מעורר זיין פריער זיין הארץ אין די גרויסקייט פונעם קומענדיגן ענין, צו א מענטש וואס טרעפט זיך אן מיטן ענין אין א פלוצלינגדיגן אופן. דאס מאכט נישט בלויז אנדערש דעם אופן פון מקיים זיין די מצוה, נאר אויך די השפעות וועלכע קומען אלס רעזולטאט דערפון.

## הכנה דרבה

ביי יעדע מסיבה, פייערונג, אדער פראיעקט, קומען זיך צוזאם אסטראטעגן, וועלכע טראכטן איבער, שלאגן פאר, ציילן און רעכענען, ארייננגייענדיג אין די פרטי פרטים זייענדיג דן אלעס ארום. ס'איז קלאר אז א פראיעקט וואס ווערט געטון 'בדרך אגב' אן קיין גענויגע גרונטליכע צוגרייטונג, וועט זיכער דורכפאלן. "נישט אזוי פלאנירט מען פראיעקטן", וועט יעדער אסטראטעג קענען ערקלערן, און אויב אזוי, פאר וואס אין רוחניות'דיגע ענינים צווייפלט מען דערין?

לעניינינו, אויב יעדער וועט זיך מיישב זיין איידער'ן ארויספארן צו די מסע הקודש, "יחשב הפסד מצוה כנגד שכרה, ושכר עבירה כנגד הפסדה", טראכטן גוט און טיף, צו וועלכער גרויסער רבי פירן מיר אונזערע טריט, וואס ווילן מיר אויפטון מיט די הייליגע נסיעה, און פון צווייטן זייט, וואס קען איך דערליינגען אויב איך וועל נישט ריכטיג אויסנוצן די צייט; די אלע געדאנקען וועלן אונז זיכער אויפפרישן דעם מסע הקודש, סיי פשוט און נאכמער אויף א סגולה'דיגן און העכערן אופן. ס'וועט אונז העלפן אנצוקומען צום הייליגן ארט מיט א פייערדיגן נפש און אינגאנצן אנדערש, בעסער געזאגט, אסאך אסאך בעסער.









# דער הייליגער ציון קודש הקדשים

**▪ פראגע: לעצטנס ארבעטן אנ"ש ארויפצוברענגען צום באוואוסטזיניגקייט דעם ענין פון שמירת קדושת הציון און איר גרויסקייט, פאריגן ראש השנה 'קיבוץ תשפ"ד' האבן מיר זוכה געווען אז דער עולם איז באוואוסטזיניג געווארן צום ענין פון 'נישט ארויסנעמען אומריינע כלים וועלכע צושטערן דעם קדושת המקום', אלס איינער וואס האט זוכה געווען ארויפצוגיין קיין אומאן און פוקד זיין דעם הייליגן ציון שוין זינט די ערשטע יארן וואס דער אייזערנער פאראהאנג איז געפאלן, ביז היינט – און בעז"ה נאך אסאך יארן – וואס האט איר צו זאגן דערויף?**

**ענטפער:** רבינו הק' האט זיך אמאל געווענדעט צו מוהרנ"ת און אים געזאגט: "טאקע, און מיר קענסטו עס נישט טון, אבער איך און דיר קען איך גארנישט טון!" – דאס איז אן אויפטרייסלענדער דיבור, רבינו הק' פון די יחידי הדורות, וועמענס גרויסקייט איז געוואלדיג, דארף אנקומען צו מיינע ארעמע טאטן? אזא גרויסער צדיק וואס איז עוסק אין מתקן זיין די פארווארפנ־טע נשמות, דארף הילף פון אזא פשוט'ער מענטש ווי מיר? וואס קען איך אים שוין העלפן?

נאר ווי טיף און פארכטיג דער ענין איז, אזוי פשוט איז עס.

# א תנאי צו ווערן אויסגעהיילט

ווען א מענטש גייט אריין צו א גרויסער דאקטער, קען דער דאקטער זייער גוט זיין פאך בעז"ה. ער האט געלערנט און געפארשט מעדיצין לאנגע יארן, ער ווייסט פונקטליך ווי אזוי אויסצומישן מעדיצינען מיטן פאסי־גן מאס אויפן פאסיגן ארט אין די פאסיגע צייט, אבער מיט זיין גרויסער פראפעסיאנאליטעט דארף ער צוקו־מען צו הילף, איר ווייסט פון וועמען ער דארף הילף? ניין, נישט פון אנדערע דאקטוירים, ער דארף אויך נישט קיין מעדיציניש ביכער, אלעס איז קלאר פאר אים ווי די זון אינמיטן טאג. ער דארף גראדע הילף פון איינער וואס פארשטייט גארנישט און קען אים כמעט גארני־שט העלפן, דאס איז דער קראנקער וואס ליגט פאר אים על ערש דווי, יענער שוואכער און פארוואונדעטער, דער וואס קען קוים ארויסגעבן א ווארט פון מויל אדער ריירן אן אבר, פון אים דארף ער הילף! יא, ווען דער קראנקער גלייבט נישט אינעם דאקטער'ס כח און רעכנט זיך נישט מיט זיינע רייד, קען מען שוין פון אנ־פאנג באהאנדלונג באשטימען אז דאס איז א דורכפאל, ער וועט נישט נעמען די ריכטיגע מעדי־צינען, ער וועט גרינגשעצן אין די מאס וואס דער דאקטער האט אים אנגעוויזן, ער וועט אפשפעטן פון דעם דאקטער'ס ווארנונגען, און ער וועט בשום אופן נישט קענען אויסגעהיילט ווערן. די מינימאלס־טע זאך וואס פאדערט זיך פונעם קראנקן איז ערשטנס וויסן אז ער איז קראנק, און דערנאך אויך גלייבן אז דער דאקטער קען אים היילן.

# דֶער רֶבִּי אִיז דָא!

אזוי איז אויך ביי נשמה'דיגע קרענק, ווען דו האסט שוין געשטעלט דיינע טריט צום גרויסן דאקטער, רביה"ק רופא כל הנפשות – דער גרעסטער דאקטער פאר רוחניות'דיגע קרענק; דאס ווייניגסטע וואס פאדערט זיך פון דיר כדי צו אנפאנגען דעם באהאנדלונג, איז צו גלייבן אז ער קען היילן דיינע וואונדן און קרענק, גלייבן אין אים און אננעמען ערנסט זיינע רייד, גלייבן אז אלע זיינע רייד זענען חיים וקיימים, גלייבן אז ער איז א 'דאקטער' כפשוטו, וואס אויב דו וועסט שפאנען אין ליכט פון זיין אור וועסטו זיכער האבן א רפואה וישו־עה שלימה, גלייבן אז ווען ער זאגט אויך זיך אז ער איז ווי א לעבעדיגער רבי און ווען ער געפינט זיך אויך זיין ציון איז עס ווי א 'יוצא מחדר לחדר', ס'איז פונקט אזוי!

פאר אונזערע אויגן שטייט טאקע נאר א שטיינערנע מצבה, און אפשר אויך ארומגענומען מיט א געזעמל פון מענטשן, אבער דארט אויפן הייליגן ארט שוועבט זיין הייליגן גייסט.





**נסיעה צום ציה"ק אין יאר תשמ"ד** - פון לינקס צו רעכטס: הרה"ח רבי חיים שלמה ראטטענבערג שליט"א, (געלערנט אין ישיבת 'חכמי לובלין' אויך נתקרב געווארן דורך די חבורה פון רבי נתן שליט"א אין ב"ב) הרה"ח ר' משה בן אלעזר שליט"א, הר"ר נחמן ראטטענבערג הי"ו פאר די 7 יאר

# דֶער רֶבִּי אִיז דָא!: פאר אונזערע אויגן שטייט טאקע נאר א שטיינערנע מצבה, און אפשר אויך ארומגענומען מיט א געזעמל פון מענטשן, אבער דארט אויפן הייליגן ארט שוועבט זיין הייליגן גייסט

ער זעט דיר, הערט דיר, ער מוז צוקומען צו דיין הילף, זאלסט גלייבן אין אים. דאס פאנגט זיך אן מיטן פיזישן אנקום צו זיין ארט, ווי אזוי דו גייסט צו צו אים, מיט יראת הכבוד, מיט יראה און פארכט געפילן! טאקע נישט קיין פארכט פון 'יראות נפולות' נאר אן אימה פון התרוממות, פון דעת און פארשטאנד, פארשטיין וואו איך גיי אריין, צום 'מקום אש שלהבת', דער קודש הקדשים. ס'איז דארט דא א לעבעדיגער רבי וואס ווארט אויף מיר א גאנצער יאר קוקנדיג ווען וועט מיין 'יאנקעלע' אנקומען, איך וויל אים שווין העלפן, איך זע דעם שווערן בלאטע אין וועלכן ער זינקט, איך האב עצות פאר אים, כ'האב וועגן ווי אזוי אים ארויסצושלעפן פונעם ענגשאפט; און נאר ווען מען קומט מיט אזא געפיל און כבוד, מיט די ריכטיגע אמונה, דאן קען מען באקומען די ריכטיגע שפע, די אויסגעווארטעטע רפואה.

## "אן דיר קען איך נישט"

דאס איז וואס רבינו הק' האט געזאגט צו מוהרנ"ת: "איך קען נישט אן דיר", דאס גייט נישט ארויף נאר אויף מוהרנ"ת נאר אויף מיר, דיר, און אונז אלע. דער רבי, כדי צו עוסק זיין אין מיין תיקון, טראץ זיין גרויסן כח, דארף ער פון מיר א קריטישע זאך, ער דארף מיין אמונה, מיר זאלן אים שעצן און גלייבן אין זיינע מעג־ליכקייטן. ווען מען קומט צום ציון און מען שעצט נישט דאס ארט, מען נעמט ארויס נישט כשר'ע כלים וואס זענען נישט פאסיג פארן קדושת המקום, מען טוט דארט וואכנדיגע זאכן און מען גייט נישט צו מיטן פא־סיגן כבוד, איז דאס א זלזול אין רבינו זעלבסט. ס'פעלט אין די אמונה אז דו שטייסט קעגן א לעבעדיגער רבי וואס הערט און זעט דיין יעדע ריר. פאר א גרויסער מענטש אדער קעניג וואלסטו זיך דאך נישט אזוי אויפגעפירט, ריכטיג? אויב אזוי, אויך ווען מען שטייט קעגן דעם רבי'ן דארף מען היטן זיין כבוד און קדושה פונעם ארט, און ווען מען שעצט עס גרינג איז דער פלאץ וויניגער משפיע, ווייל די השפעה פונעם רבי'ן גייט לויט דיין אמונה אין אים.

איז עס נישט א שאד? האסט אזויפיל געצאלט כדי אנצוקומען דארט, האסט זיך געוואלגערט אויף די וועגן, גרעניצן, פארווארפענע טערמינאלן, נסיעות פון לאנגע שעות, כאטש זאלסטו ארויסבאקומען דאס מערסטע ווען דו קומסט דארט אן. קום אן מיט געפי־לן פון הערכה און כבוד, נעם נישט ארויס וואכנדיגע זאכן – זאכן וואס דער רבי ווייסט סייווי אז דו האסט אבער פארט וויל ער ענדערש אז ווען דו קומסט זאל־סטו עס איבערלאזן אינדרויסן, אדער כאטש אין טאש.

## זיך מאכן א יראי שמים

■ **פראגע: די רייד זענען טיף און דורכדרי־נגליך, אבער מיר ווילן עס אויסשארפן; עס זענען דאך פאראן מענטשן וועלכע טענה'ען אז מען קען נישט מגדיר זיין זייער כלי אלס 'חולין', ווייל זיי באנוצן זיך צום לערנען, זאגן 'תיקון הכללי' וכדומה, ווי אזוי קען מען זיי אויפמערקזאם מאכן אז זיי זאלן איבערטרא־כטן זייערע שריט?**











**ענטפער:** דער ענין פון זלזול און כבוד, איז נישט דוקא לויט וואס מען טוט בפועל אדער וואס זענען די פארבארגענע כוונות אין הארץ.

צומאל קען א מענטש זיך אויפפירן פון זיין זייט אקעי, אבער פונדרויסן זעט עס אויס ווי ער שעצט גרינג. גערעכט, דו באנוצט זיך דערמיט צו זאגן ׳תיקון הכללי׳, דאווענען אדער לערנען, אבער די זייטיגע צוקוקער זעען אז מען קען ארויסנעמען אזא כלי אין אזא הייליגן ארט, און זיי זעען נישט קיין חילוק צווישן איינער וועלכע לערנט, צו איינער וואס טעקסט. לויט ווי עס פאסט פארן ארט, איז דאס אויך א געוויסע זלזול, און יעדער האט זיין אייגע־נע אחריות נישט צו פארשוועכן דאס הייליג ארט חלילה. קיין שום מענטש קען נישט זאגן ״שלום עלי נפשי״ – ׳איך פון מיין זייט טו נישט מיטן כלי וואכ־דיגע זאכן׳, ווייל פאקטיש ווערט דער אטמאספער פונעם ארט געשעדיגט דערפון און עס ווערט צו־ביסלעך פארוואנדלט צו פראבלעמאטיש, א זאך וואס ווייטאגט זייער דעם רבי׳ן.

## מיר דארפן פארשטערקערן אונזער באוואוסטזיניגקייט

**■ פראגע: עס זענען דא אזעלכע וועלכע באקלאגן זיך אויפן אורטייל, ווי עס וואלט געווען א מעגליכקייט צו מאכן באשטימ־טע אונטערשיידן אינעם כלל, זיי טענה׳ן אז דער הייליגער ציון איז אן ארט וואס איז בחסדי שמים פארוואנדלט געווארן צו אן**

**׳שטעל זיך פאר ווי דו שטייסט ביים היכל הציון, און פלוצלינג שפאלט זיך דער שטיינערנער ציון און דער הייליגער רבי קומט ארויס מיטן גאנצן הדרת פנים, זיין געזיכט שיינט און זיין שטימע איז לויטער און שארף, ׳הגיע זמן גאולתכם׳ מעלדעט ער מיט פרייד. ׳אבער ס׳איז דא א קליין פראבלעם׳, ער ווייזט אן אויף דיר: ״יאנקעלע, איך דארף דו זאלסט מיר ברענגען א גלאז וואסער פון תשליך טייך דערנעבן׳**




# וואס רבינו הק' האט געזאגט צו מוהרנ"ת: "איך קען נישט אן דיר", דאס גייט נישט ארויף נאר אויף מוהרנ"ת נאר אויף מיר, דיר, און אונז אלע.

**הויפט עליה לרגל פון אלע עקן וועלט, און אלע סארט מענטשן ווערן צוגעצויגן צום אור און קומען טרינקען פונעם קוואל, און ווי אזוי קען מען באשטימען א באאיינזאמע נוסח ווי אזוי זיך צו פירן דארט?**

**ענטפער:** די איבנדערמאנטע זאכן האבן טאקע געברענגט א באשלוס אז ס'איז נישט גענוג צו ערקלערן דעם עניין נאר דארט אין אומאן און ארום דעם ציון. נאכן אנקומען אזוי ווי מען איז שוין אנגעקומען, מוז נישט זיין אז סיי וועלכע מודעה אדער פראספעקט וועט טוישן דעם צוגאנג פונעם מענטש, דער ריכטיגער וועג איז צו אינוועסטירן אין ערקלערן און ברענגען אינפארמאציע נאך איידער די נסיעה, אז ווען דער מענטש באשליסט ביי זיך צו פארן קיין אומאן, זאל ער פארשטיין און אריינגעמען אין הארץ די באדייט פון די הייליגע נסיעה, צו וועלכע הייליגע פלאץ ער שטעלט זיינע טריט, און אזוי וועט ער פארן מיט אינגאנצן אן אנדער בליק. עס זענען טאקע דא אזעלכע וועלכע זענען זייער ווייט פון אזעלכע באגריפן, רבינו הק' נעמט זיכער אויף מיט אפענע ארעמס אפילו די ווייטסטע, ווי ער האט אליין מעיד געווען אויף זיך אז ער איז זיך מתעסק מיט אז־ עלכע וועלכע דער שאול תחתית שטייט אונטער זיי,

אבער אויך זיי דארף מען ערקלערן אז אפילו זיי קומען צום רבי'ן מיט זייערע אלע פראבלעמען, דאך איז דער פלאץ אנדערש ווי דאס וואס זיי זענען צוגעוואוינט. דער רבי וויל אז מען זאל זיך פירן דארט מיטן פאסיגן כבוד.

## אויף דיינע אקסלען ליגט די אחריות אויף

איך געדענק אז פאר יארן צוריק ווען איך בין געפא־ רן מיט מיין זון נאך פאר די זיבן יאר, האב איך געווארט מיט אים ביים טויער צום פליגער איידערן אפפליען, און ווי באקאנט איז דאס נישט קיין ארט וואו א אידיש קינד דארף גיין אויגנגלעזער, בין איך געזעסן דארט איינג־ עקוועטשט אין ווינקל, ווארטנדיג אויפן אויסרוף וואס זאל מעלדן אז מיין ווארטן האט זיך געענדיגט. כ'האב געטראכט אז איך וועל קענען אינוועסטירן אין מיין זון און אים צוגרייטן נאך אביסל צו די הייליגע רייזע, האב איך געשמועסט מיט אים איבער די גרויסקייט פון די נסיעה און די פלאץ וואו מיר פארן, כ'האב אים עס ער־ קלערט מיט א משל: 'שטעל זיך פאר ווי דו שטייסט ביים היכל הציון מיט טויזנטער מענטשן ארום דיר, און פלוצלינג שפאלט זיך דער שטיינערנער ציון און דער

הייליגער רבי קומט ארויס פון זיין קבר מיטן גאנצן הדרת פנים, זיין געזיכט שיינט און זיין שטימע איז לויטער און שארף, 'הגיע זמן גאולתכם' מעלדעט ער מיט פרייד.

'אבער ס'איז דא א קליין פראבלעם', ער ווייזט אן אויף דיר: 'יאנקעלע, איך דארף דו זאלסט מיר ברענגען א גלאז וואסער פון תשליך טייך דערנעבן'. ווי גרויס וועט זיין דיין באגייסטערונג, די אחריות און פארכט וואס דו וועסט שפירן: 'אויף מיינע אקסלען ליגט די אחריות צו ברענגען די גאולה, ווי גרויס איז דער זכות!'

## דער רבי דארף אונז האבן

דער נמשל איז אבסאלוט נישט ווייט פונעם פאנטא־זיע, רביה"ק וויל פארררעכטן די וועלט, ער וויל ברענגען די פעמי הגאולה, אבער ער דארף אונז האבן, ער דארף מיר זאלן קומען צו אים, מיר זאלן גלייבן אין אים, ער דארף מיר זאלן גלייבן אז מיר גייען אריין אין א הייליג מקום, אויב נישט פאר דיר, טו עס פאר כלל ישראל. קום דארט מיט אן אש קודש און אחריות פארן קדושת המקום – וגילו ברעדה.

## אן איינטריט קארט לפני ולפנים

**■ פראגע: קלארע רייד, און פאסיג פאר יעדן איד סיי וואו ער געפינט זיך.**

צום שלוס, ווילן מיר הערן וואס איר האט צו זאגן פאר די דרייסטע יונגעלייט וואס ארבעטן אן אויפהער צו ברענגען די אינפארמאציע כדי צו מעורר זיין צו היטן די כבוד פון רביה"ק און זיין הייליגן ציון.

**ענטפער:** אשריהם ואשרי חלקם, זיי האבן א גרויסן זכות צו זיין פון די משרתי המלך. אין די פרעכטיגע פא־לאצן פונעם קעניג זענען פאראן פיל ערטער. עס זענען פאראן פלעצער וואו מען ערלויבט אריינצוגיין נאר אפיצירן און שרים פון העכערן ראנג, עס זענען פאראן די אוצר-קאמערן וואו נאר די נאנטע מקור־בים ווערן אריינגעלאזט פון מאל צו מאל, אבער דער קעניג האט א פריוואטן צימער וואו קיינער באקומט נישט רשות אריינצוגיין, דארט ווילט ער מיט זיין פא־מיליע און לעבט זיין פריוואטן לעבן. דאך איז דא איינער וואס קען יא זוכה זיין אריינצוגיין און זען די שיינקייט פון אינעווייניג, און צום גרויס וואונדער איז דאס נישט דוקא א גרויסער שר אדער הערשער, ער געהערט אפילו נישט צו די אריסטאקראטישע געזעלשאפט און האט אפילו נישט קיין היכראנגיגע פאזיציע, דאס איז גראדע דער באדינער וואס דארף רייניגן דאס ארט און באזא־רגן אלעס וואס פעלט.

## מיט וואס זענען די באדינער מער מיוחס ווי די שרים?

לענינינו, אויך ביי רביה"ק זענען דא וועלכע קומען דארט מיט געוואלדיגע עבודות און התקשרות, זייער גאנצער הארץ און מח ווערט נכלל אינעם צדיק'ס רוח אויף א זעלטענעם איסערגעווענליכן אופן, אבער זיי זענען ווי שרים און פריצים. יא, דער רבי איז זיי מכבד און קעמפט פאר זיי, אבער עס זענען דא אנדערע פשוטי עם וועלכע "רייניגן", אזעלכע וואס זארגן אז אין זיין רואונגס ארט זאל הערשן א ריינע לויטערע לופט בנועם ה', עס זאל זיין א הייליגע אטמאספער און א גייסט פון ריינקייט און לויטערקייט. זיי זענען זוכה אריינצוגיין אין די אינערליכסטע צימערן וואו קיינער קומט נישט צו.

מיר זענען געזעסן און צוגעהערט די רייד וואס זענען ארויסגעקומען פון זיין מויל מיט אזא פייער, און מיר זענען ארויס פון דארט מיט געהויבענע געפילן. מיר האבן אזויפיל ארויסגעלערנט, ממש געזאמלט דימא־נטן. די הבנה אין די גרויסקייט פונעם רבי'נס ציון הק' האט באקומען אן אנדער באדייט.

די פשוט'ע הבנה אז דאס איז נישט נאר צוליב די כבוד און הערכה צום הייליגן ארט, נאר א טייל פון די עיקרי אמונה וואס יעדער פון אונז האט אינעם צדיק יסוד העולם צו וועמען מיר ווענדן זיך, דאס איז כדי מיר זאלן קענען פארזעצן פון דארט מיט די פאסיגע השפעה וואס מיר ווינטשן זיך, און ריכטיג משלים זיין אונזער ציל אין לעבן.

אינגאנצן איבערגענומען האבן מיר געזאגט צו זיך "אשרינו שזכינו".



# די קארטעל וואס האט געראטעוועט

דויד וינשטוק

**וְדַע, שֶׁכָּל מַה שֶּׁהַנֶּחְשָׁק גָּדוֹל בְּיוֹתֵר, מְזַמְּנִים לוֹ מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת בְּיוֹתֵר, כְּדֵי שֶׁיִּתְגַּבֵּר הַחֵשֶׁק בְּיוֹתֵר כִּי הַחֵשֶׁק הוּא כְּפִי הַמְּנִיעָה.** וְעַל־כֵּן רָאוּי לָאָדָם לְהָבִין, כְּשֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת מְאֹד מְאֹד לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק, וְעוֹמְדִים וּמִשְׁתַּטְּחִים לְפָנָיו מְאֹד מִכָּל הַצְּדָדִים לְמָנְעוֹ, מִזֶּה בְּעַצְמוֹ יֵדַע וְיָבִין עֹצֶם מַעֲלוֹת הַנֶּחְשָׁק, שֶׁמֵּחֲמַת זֶה הַמְּנִיעוֹת גְּדוֹלוֹת כָּל כָּךְ, **כִּי עַל כָּל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה יֵשׁ מְנִיעוֹת רַבּוֹת וּבִפְרָט כְּשֶׁרוֹצֶה לִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁבָּזֶה תָּלוּי הַכֹּל,** אֲזַי בְּוַדַּאי מִתְגַּבְּרִים הַמְּנִיעוֹת בְּיוֹתֵר, אֲבָל יֵשׁ בְּחִינַת נְקֻדַּת הָאֱמֶת בֵּין הַצַּדִּיקִים, שֶׁכְּשֶׁרוֹצִים לְהִתְקָרֵב אֵלָיו שֶׁבָּזֶה תָּלוּי הַכֹּל, אֲזַי מִתְפַּשְּׁטִים וּמִשְׁתַּטְּחִים הַמְּנִיעוֹת מְאֹד מְאֹד מִכָּל הַצְּדָדִים, וּמִזֶּה בְּעַצְמוֹ יָכוֹל לְהָבִין מַעֲלַת הַנֶּחְשָׁק כַּנַּ"ל. וְעַל־כֵּן צָרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ רָצוֹן וְחֵשֶׁק חָזָק מְאֹד כְּפִי מַעֲלוֹת הַנֶּחְשָׁק הַזֶּה וְעַל־יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת וּלְהַגִּיעַ אֵלָיו. כִּי זֶה כְּלָל שֶׁאֵין שׁוּם מְנִיעָה בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יוּכַל הָאָדָם לְשַׁבְּרָהּ, רַק צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה הַחֵשֶׁק וְהָרָצוֹן חָזָק מְאֹד כְּפִי מַעֲלַת הַנֶּחְשָׁק וְכַנִּזְכָּר לְעֵיל.

(ליקוטי עצות. מניעות אות ב)

עס איז מסתמא נישטא נאך אזא פלאץ אויף דער וועלט וואו עס איז דא אזויפיל מניעות אנצוקומען, ווי דער ציון פון רבינו הק'. חסידים אין אלע דורות האבן אזוי געלעכצט אנצוקומען און זיך משתטח זיין אויפן הייליגן רבי'נס ציון, אבער דורכאויס די יארן האבן זיך כמעט אלעמאל געמאכט שטערונגען דערצו. פריוואטע שטערונגען און אויך כלליות'דיגע.

דער קאמוניסטישער אייזערנער פארהאנג האט עס נאר פארשווע־רערט, ווען די שכינה הקדושה איז געלעגן פארשוועכט אין הויף פון א גרויזאמע קאמוניסטישע פרוי.

כדי אנצוקומען צום ציון אין יענע יארן האט זיך געפאדערט א נאציאנאלע אדער פאלשע פאספארט פון 'אנקל סעם' אין אמעריקע, א וויזע פון מאמע רוסלאנד, אריינשטופן גרינע פאר יעדן אוקריינישן פאליציאנט (וועמען מען האט דאן גערופן נאר 'רוסן'...), מתפלל זיין צו פארמערן רחמי שמים, זיך אנגארטלען מיט כוחות הנפש און צום סוף... ווער ווייסט, אפשר וועט מען נאך זוכה זיין צו זאגן אן אפגעכאפטע תיקון הכללי אן וואס די גוי'טע זאל חלילה באמערקן.

און ראש השנה... בעסער נישט צו רעדן.

אבער נאך אסאך כיסופים, תפילות און טרערן, איז דער אייזערנער

פְּרסוּמֵי נִיסָּא
- די שילד וואס האט
געראטעוועט גאר
פיל מענטשן







קאמוניסטישער פאראנג געפאלן, און דער וועג קיין אומאן איז אפן געווארן פאר יעדן.

אויפן ציון איז אויפגעבויט געווארן א גרויסע געביידע.

פון לופטפעלד אין לוד זענען ארויסגעפלויגן טעגליכע פלייטס קיין קיעוו און אדעסא, און אויף ראש השנה האט זיך ארגאניזירט פליגערס וואס האבן געברענגט צענדליגער הונדערטער טויזנטער מענטשן, צומאל אפילו צו וועגעצי וואס איז נעבן אומאן.

כל הרוצה לבוא, יבוא וייטול.

די מניעות זענען פארשוואונדן געווארן, און דערמיט אויך די לעכצנדע כיסופים.

און דאן איז אונטערגעקומען די 'קאראנע' תקופה, און דערנאך 'די קריג צווישן רוסלאנד און אוקריינע', און צוזאמען מיט זיי האבן זיך צוריקגעקערט די מניעות, די כיסופים און תפילות.

ראש השנה תשפ"ד האט אויסגעזען אז פון אלע זייטן פראבירט מען נאר צו שטערן, טאקע כדי צו צולייגן צו די כיסופים.

די אוקריינער האבן זיך אנגעכאפט אין אומאן ווי א פאראנדלונגס קארטל, האפנדיג ארויסצובאקומען

דורכדעם איזראעלישע געווער.

און פון צווייטן זייט...

יעצט ווייסט יעדער איד דעם אמת, ווער עס היט דעם אידישן פאלק איבעראל.

אבער ערב ראש השנה זענען געווען אידן וואס האבן ליידער פארגעסן דערפון און האבן אויך געזארגט אונטערצושטעלן פיסלעך.

נאך וואס די ברסלב'ער עסקנים האבן שווער געארבעט און געטון, און מיט אסאך סייעתא דשמיא, איז דער וועג אויך דאס יאר אויסגעפלאסטערט געווארן, און יעדער איד האט געקענט קויפן א טיקעט צו איינער פון די גרעניץ לענדער מיט אוקריינע, ארויפגיין אויף א מאשין, אריבערגיין דעם גרעניץ, און פארזעצן קיין אומאן אויף ראש השנה צוזאמען מיטן שטראם.

אבער מיט דעם, האט זיך געפאדערט צו דערמאנען, אז ביים סוף פון דעם אויסמאטערנדן וועג געפינט זיך דער קודש הקדשים.

עס איז אדווערטייזט געווארן א קאמפיין ביי אנ"ש, און אזוי אויך ביים אידישן פערטל אין אומאן, וואס האט געבעטן מיט א שיינעם און קלארן לשון צו לאזן הערשן די הייליגע אטמאספער אינעם ציון

און נישט אַרויסנעמען קיין סמאַרטפאָון.

אויך טישו באָקסעס זענען צוטיילט געוואָרן ביים ציון אלס הילף פאַר די פּילע עולים, ווען ביי ביידע זייטן פונעם שאַכטל האָט געפלאַטערט דער אויפשריפט: "נישט קיין סמאַרטפאָון ביים ציון!"

דערצו האָבן זיך פיל באַשטייערט צו טיילן קאַרטלעך וואָס דערמאָנען אַזאַ קלאָרע זאַך: "ווער עס איז מכבד דעם רבי'ן, נעמט נישט אַרויס קיין סמאַרטפאָון".

דעם רבי'נס אָרט איז קודש קדשים.

ס'איז גענוג צו ליינען נייע און אַלטע שילדערונגען, ווי אַזוי זענען ברסלב'ער חסידים אָנגעקומען צום רבי'נס ציון אין די פּאַראַגאַנגענהייט, זיך צו דערמאָנען און פאַרשטיין אַז אויב דו ביסט אָנגעקומען ביז דאָ, דאַן "שַׁל נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת קֹדֶשׁ הוּא".

צום ביישפּיל דערמאָנען ווי אַזוי רבי שמואל שפּירא זצ"ל איז אָנגעקומען צום ציון, וואָס כדי צו באַקומען אַן אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט האָט זיך שוין זיין רייזע אָנגעפאַנגען מיט עטליכע מאָנאַטן וואוינען אין ניו יאָרק, ביז ער האָט ענדליך זוכה געווען אַרומצונעמען דעם הייליגן ציון, זאָגנדיג איינמאָל און נאָכאַמאָל: "לִקְדוֹשִׁים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ הֵמָּה"

און די רעקלאַמעס האָבן טאַקע נישט אַנטוישט.

אַסאַך האָבן זיך טאַקע מקבל געווען עס צו טון, און האָבן איבערגעלאָזט זייער מאַשינדל אין דירה, אָדער האָבן עס כאָטש נישט אַרויסגענומען פון טאַש.

אָבער זעט אויס אַז עס זענען געווען אַזעלכע ביי וועמען עס האָט געברענגט אַסאַך בעסערע רעזולטאַטן

איינער פון די מענטשן וואָס האָט זיך בייגעשטייערט צו די מלאכה צו מעורר זיין מענטשן איבער דעם ענין, איז דער בחור ישראל עסיס (פּיקטיווער נאָמען).

ער דערציילט אַז טראָץ וואָס אין די ערשטע טעג איז דער מצב ביים ציון געווען ווייניגער גוט, איז אָבער פון טאָג צו טאָג בעסער געוואָרן, און צוביסלעך האָבן זיך געזען ביים ציון ווייניגער און ווייניגער נישט-כשר'ע כלים, און אויסער איינצעלנע האָט ממש אויסגעזען אַז דער ציבור פאַרשטייט די גרויסקייט און הייליגקייט פונעם ציון.

אין איינע פון די ערב ראש השנה טעג האָט אים געוואָרט אַן איבערראַשונג.

ער דערציילט אַזוי:

אין איינע פון די טעג בין איך אַריין אין היכל התורה אויפן פּושקינאַ גאַס. עס איז געווען פול פון וואַנט צו וואַנט מיט לומדים, איך בין אַריבער און געטיילט די קאַרטלעך. אינצווישן האָב איך געזען אַ איד וואָס איז


די בילד פאַרן פאַספּאַרט לקראת די ערשטע נסיעה קיין אומאַן


רבי שמואל בהשתטחות אויפן הייליגן ציון


די לעצטע נסיעה במסירות נפש לקראת קיבוץ ראש השנה תשמ"ט האלב יאר פאר זיין היסתלקות


די לעצטע נסיעה במסירות נפש לקראת קיבוץ ראש השנה תשמ"ט האלב יאר פאר זיין היסתלקות


רבי שמואל שפירא מיט זיין באלבטן חבר הגאון רבי שמואל צ'ציק זצוק"ל.




מיר געוועון באקאנט און איך האב אים אויף דער־לאנגט א קארטל. נעבן אים איז געזעסן אבחור וואס האט נישט אויסגעזען אז ער איז אויפגעוואקסן אין א פרומע היים.

משום מה האב איך אים אויף דערלאנגט א קארטל, טראץ וואס עס האט מיר אויסגעזען אז עס וועט זיך וואלגערן אויפן ערד אין די קומענדיגע מינוט.

צו מיין איבערראשונג האט ער מיר גערופן. ער וויל שמועסן. ער האט געהאט עפעס וויכטיג מיר צו זאגן.

כ'האב זיך אוועקגעזעצט נעבן אים, און ער האט זיך אנגעהויבן אויסרעדן פאר מיר. "מען רופט מיר ינון גפן (אויף א פיקטיווער נאמען), איך בין אויפג־עוואקסן אין א בבית דתי לאומי

"פאר עטליכע יאר צוריק, נאך זייענדיג א יונגער בחור, האבן מיר מיינע עלטערן געקויפט א סמא־רטפאון. אזא זאך האט מען ביי אונז געגעבן פאר יעדע יונגע בחור אדער מיידל און ס'האט געהייסן זייער נארמאל.

"אבער מיינע עלטערן האבן נישט גע'חלומ'ט וואו איך קען אנקומען.

"איך בין געווארן אינגאנצן אדיקטעט דערויף. כ'האב געקענט זיצן אכט שעה א טאג איבער דעם










קליינעם סקרין, אויף שטותים אין בעסערן פאל, און איבער פריצות רח"ל אינעם ערגסטן פאל.

"מיין אדיקציע צום מאשינדל איז געווען פאר מיר ווי סם המות ממש. כ'האב נישט געהאט קיין טאג און קיין נאכט.

"אבער נישט לאנג", האט ער פארגעזעצט צו דערציילן, "איך האב זיך אונטערגעגארטלט מיט דרייסטקייט, און איין טאג האב איך ארויסגעצויגן דעם מאשינדל פון מיין טאש און עס צופיצלט..."

איך האב זיך זייער געפריידט עס צו הערן, דערציילט אונז ישראל, אבער דאן האט ער מיר דערציילט אז א תקופה שפעטער האט ער געקויפט א נייעם כלי...




אבער היינט נוצט ער עס שוין אנדערש, און נאר אויף וויכטיגע זאכן ווי קויפן און רעדן. ווי ער האט געזאגט, נעמט ער אפילו נישט ארויס דעם כלי פון די דירה.

איר דארפט פארשטיין, דארט וואו ער געפינט זיך האט יעדער א סמארטפאון, זיין פאמיליע, פריינט, אלע.

כ'האב געביסן מיינע ליפן און נישט געוואוסט וואס אים צו זאגן...

אין זיינע אויגן איז ער היינט אינגאנצן אקעי, זיין סמארטפאון איז יעצט אפילו געבליבן אין זיין דירה.

"כ'בין געבליבן לערנען נאך א שעה אין היכל התורה", זעצט ישראל פאר צו דערציילן, "און דערנאך בין איך ארויס פון דארט."

און פונקט ווען איך בין ארויס, איז אויך ינון ארויס פון דארט.

מיר זענען ארויס צוזאמען און אנגעפאנגען שמועסן, אן אמת'ע שיחת חברים, דיבורים אין עבודת ה'.

און דברים היוצאים מן הלב נכנסו ללב.

פלוצלינג האט פאסירט אן אינטערעסאנטע זאך - - -

"איך וויל יעצט צוברעכן מיין סמארטפאון!" האט ער מיר געזאגט.

"איך וויל עס אפילו נישט אנרירן, טו מיר א טובה, גיי צו מיין טאש וואס געפינט זיך אין יענע געוויסע דירה און צוברעך עס אויף פיצלעך", האט ער געזאגט.

כ'האב נישט געגלייבט וואס איך הער, אבער איך האב נישט געווארט קיין מינוט, טאמער ער וועט חרטה האבן. איך בין געלאפן צו די דירה וואו ער האט






מיר אנגעוויזן, דערקענט יענעם טאש, גענומען דעם סמארטפאון, ארויס אינדרויסן און מיר האבן עס גלייך צובראכן מיט א גרויסע שטיין.

עס זענען געווען דארט נאך אידן און צוזאמען האבן מיר זיך ארויסגעלאזט אין א פרייליכן טאנץ.

•

די מעשה ענדיגט זיך נישט דא.

מיר האבן גענומען דעם צופיצלטן מאשינדל און עס געגעבן פאר איינער פון די חשוב'ע יונגעלייט וואס האט באשלאסן צו טון דערמיט:

פִּרְסוּמֵי נִיסָּא

יענער יונגערמאן האט גענומען דעם צובראכענעם סמארטפאון, און דארט ביים טויער פון ציון האט ער עס אוועקגעשטעלט אלס נס, ווייזנדיג יעדן אז עס איז דא א וועג פאר ווער עס גלוסט און וויל, זיך צו דערהייבן - יא, ס'איז מעגליך!

און "מצוה גוררת מצוה". די מעשה האט צוגעברענגט א ווינט פון אוועקווארפן און זיך אפהאקן פון די טמא'נע כלים. נאך אין די לעצטע וואכן האבן מיר געהערט אז עטליכע וועלכע זענען ארויפגעקומען צום ציון האבן באשלאסן צו נעמען זייערע כלים און אריינווארפן אין די ברענענדיגע פלאמען וואס זענען אנגעצינדן געווארן צו מבער זיין די טומאה, ווען אויך זיי ווערן נאכגעשלעפט צו די קדושה און פאנגען אן זייער רייזע אל הקודש פנימה.

•

צום שלום.

דער פארבינדונג מיט ינון גפן האט ווייטער פאר־געזעצט, ווען יעדע וואך זענען מיר מקפיד צו לערנען בחברותא טעלעפאניש, און זיך באגעגענען פון מאל צו מאל.

מען דערקענט גלייך דעם שינוי וואס די מעשה האט געברענגט, און ווי ער איז אליין מעיד אויף זיך, אז דאס איז די זאך וואס האט אים איבערגעדרייט מן הקצה אל הקצה אין תורה, תפילה, און יראת שמים.

פון קארטלעך וואס זענען געמאכט געווארן צו היטן אויף די קדושה פון ציון, האבן מיר זוכה געווען אז א איד היט אויף זיין קדושה טראץ אלע נסיונות און שטייגט אין עבודת ה' ■






# און איבערבליק

## איבער די פעילות אין די קיבוץ טעג פון ראש השנה תשפ"ד

ס'איז נישט קיין סוד, אז אין די לעצטע יארן ווערט די לאנג אויס־געווארטעטע רייזע באגלייט מיט הארץ ווייטאג און א געפיל פון פארפאסונג, אז 'א שאד אז עס וואלט נישט געקענט אויסזען אנדערש'. נאך אלעס איז עס נישט קיין קליין אנשטרענגונג; מען אינוועסטירט געלטער, מען לאזט איבער הינטער זיך די הויזגעזינד און צומאל אויך די פרנסה, און ווער רעדט נאך פון די פאריגע צוויי יאר וואס דאס אנקומען איז געווען פארבונדן מיט א לאנגע אויסמאטערנדע וועג. אלעס אלעס זענען מיר גרייט צו מקריב זיין, אז מיר זאלן זוכה זיין ארויפצוגיין קיין אומאן זיך שיצן אונטערן צדיק'ס שאטן.

אבער ווען מיר קומען אריין אין הייליגן היכל, און פאר אונזערע אויגן בליטשקעט נאכאנאנד דאס געפערליכע מאשינדל... איז נישטא קיין גרעסערע פארפאסונג געפיל ווי דאס! פאר דעם זענען מיר גע־קומען ביז דא?! אויך אין דעם הייליגסטן לויטערסטן ארט פאר אונז, מוזן מיר באגעגענען פונקט דאס פארקערטע?!

ס'איז שווער צו שילדערן די געוואלדיגע ווייטאג עס צו זען פאר די אויגן! זיך איבערצייגן אז מיר האבן נישט באוויזן צו אנטלויפן פון די וואכעדיגע געפיל וואס באגלייט אונז א גאנץ יאר. מיר האבן אזוי־געגארט זיך צו דערהייבן א טפח העכערן ערד, און דער בעל דבר לויפט








אונז נאך ביז דא, טוענדיג אלעס אז מיר זאלן נישט דערגרייכן דערצו.

אסאך פון אונז האבן געפילט אז מען מוז עפעס טון דערצו, מען מוז דערגרייכן אז כאטש אינוויינינג אינעם הייליגן ציון, זאלן מיר זיך באגעגענען נאר מיט קדושה און טהרת הלב, און נישט זאכן וואס זענען פארקערט פון דעם.

פיל פיל האבן זייער געוואלט אז עפעס זאל געטון ווערן אפצוהאלטן די ערשיינונג. מען האט געהאפט מיטן גאנצן הארץ אז איינער זאל זיך נעמען דערצו און צוברעכן די שרייענדע שטילקייט.

און בס"ד איז עס טאקע געשען!...

...



ווער עס האט זוכה געווען זיך צו באטייליגן אינעם הייליגן קיבוץ פאריגן ראש השנה, איז זיכער געווען עדות צום געוואלדיגן ערפא־לגרייכן קאמפיין, וואס האט נישט איבערגעלאזט קיין מענטש וואס זאל נישט וויסן דערפון. די קביעות'דיגע עולים וועלכע פארפעלן נישט קיין יאר (אויסער קאראנע) זינט דער אייזערנער פארהאנג איז געפאלן, האבן דערציילט מיט באגייסטערונג אז זיי האבן נאך קיינמאל נישט באגעגנט אין אומאן אזא געוואלדיגע פראפאגאנדע וואס זאל אזויפיל אויפטון...



דאס איז נישט געשען פון זיך אליין. אסאך כח און מח זענען אינ־וועסטירט געווארן אינעם קאמפיין, אז עס זאל זיין פארשטענדליך און אנגענומען ווערן ביי יעדן אן קיין יוצא מן הכלל. ווייל דער ציל איז נישט געווען צו טשעפען קיין שום איד חלילה, נאר אז יעדער זאל פארשטיין אז ארויסנעמען א סמארטפאון ביים ציון איז פשוט א סתירה. דאס איז אזוי ווי אנקומען צום קעניג און גרינגשעצן אין אים אין פנים אריין.

עס האט זיך אנגעהויבן מיטן דרוקן א גרויסן ציענדן אינטערע־סאנטן פראספעקט, וואס איז פארשפרייט געווארן שוין דריי וואכן פאר'ן קיבוץ - ווען לכבוד שבת 'כי תצא' (י' אלול תשפ"ג) איז עס גע־טיילט געווארן אין אלע שולן אד"ג פון אנ"ש איבער גאנץ ארץ ישראל.




דערצו איז געווען באגלייט א ריזיגע אדווערטייזמענט וואס האט געשריגן אונזער-אלעמענ'ס געשריי: "ווי אזוי טוט איר עס צום רבי'ן? דאס יאר וועלן מיר ברעכן די שווייגעניש!"

דער קאמפיין איז אנגענומען געווארן מיט אומגעהויערע שעצונג. די ספאנטאנישע רעאקציע פון ווער עס איז אריין אין די שולן און האט געזען די מודעות איז געווען בערך אזוי: "וואו! מיר האבן שוין אזוי לאנג געווארט דערויף!", "זייער שיין!", "וואו זענען מיר געווען ביז היינט?".












דער פראספעקט איז געליינט געווארן מיט אינטערעס, ווען מען זעט ווי די יונגעלייט שאקלען מיט די קעפ, אידענטיפיצירנדיג זיך מיט יעדן געשריבענעם ווארט.

פאר שבת 'כי תבוא' (צוויי וואכן פארן קיבוץ) איז פארשפרייט געווארן א גליון מיטן קאוד: 'די רואיגע לויטערע אטמאספער', וואס איז אויך געווען באגלייט מיט צוויי ריזיגע מודעות: איינס האט געשריגן: "דער רבי איז דא!" און דער צווייטער, "שמע ישראל ה' אחד! מיט מסירות נפש וועלן מיר היטן איבערן רבי'נס ציון, דער קודש הקדשים".

א וואך פארן קיבוץ, פאר שבת נצבים וילך, איז פארשפרייט געווארן אן אינהאלטסרייכע אויסגאבע פון 16 זייטן, פול מיט בילדער, מאמרים און מעשיות. און אויך צוויי ריזיגע מודעות: איינס "רְאֵה לִפְנֵי מִי אַתָּה נִכְנָס - לִמְקוֹם אֵשׁ לַהֶבֶת שַׁלְהֶבֶת", און די צווייטע "ווען מען קומט בקדושה עפנט זיך דאס הארץ!"

צום באצייכענען, אז וויבאלד אין דעם וואך (שבת סליחות) זענען דא אסאך אנ"ש וועלכע שטייען איין שבת אין אתרא קדישא מירון, האבן די געטרייע עסקנים געזארגט צו מפרסם זיין דאס אלעס אויךביים ציון הרשב"י און אויך אויף די וועגן.

דאס פאמפען האט אויפגעטון אירס, און פיל אזעלכע וועלכע האבן נאכנישט זוכה געווען צו פארשטיין דעם שאדן פון די דאזיגע כלים, האבן כאטש פארשטאנען אז זיי דארפן זיך רעכענען מיט אנדערע און פארן ארויסגיין צום מסע הקודש האבן זיי עס איבערגעלאזט הינטער זיך...

...



<<

אויף קיבוץ שבת חנוכה איז פארגעקומען א המשך פארן קאמפיין, וואס איז נתפרסם געווארן אין רחבי ארץ ישראל, און אזוי אויך אין אומאן, א נייע פראכטפולע 'זמירות חנוכה ברסלב' איז פארטיילט געווארן אלס א חלק פונעם קאמפיין



איידער די נסיעה צום קיבוץ אין אומאן, איז געדרוקט געווארן הונדערטער מודעות אויף א שיינע ספעציעלע סארט פאפיר, און טויזנטער מודעות אויף פשוטע ווייסע ניילאן (אין לענג פון א ק"מ) וואס זאלן זיך האלטן גוט אין דעם פראסטיגן אוק־ריינישן וועטער. אזוי אויך זענען איינגעהאנדלט געווארן קוואליטע־טפולע פעקלעך טישו אויף וועלכע עס איז ארויפגעדרוקט געווארן די ערקלערונגס מאטעריאל... די מאטעריאל איז דורכגעגאנגען צו־זאמען מיט אלע עולים די אלע פארפלאנטערטע וועגן ביזן אנקומען צום אויסגעגארטן שטאט אומאן.

אין די לעצטע מינוט, האט מען צוגעלייגט צום קאמפיין וויזיט קארטלעך און סטיקערס אין אן ענליכן גרויס, מיט אן איינדרינגלעכע בקשה, אז ווער עס איז מכבד רבינו נעמט נישט ארויס קיין סמאר־טפאון. די בקשה איז געדרוקט געווארן אין ענגליש און אין לשה"ק.

ריזיגע קוואנטומ'ס פון פראפעגאנדע און מודעות זענען פארש־פרייט געווארן אין אידישן פערטל אין אומאן, און ס'האט ב"ה געהאלפן. מען האט בס"ד גלייך געזען רעזול־טאטן, און עס זענען אויך אנגעקומען רעאקציעס אז די קארטלעך און טישו באקסעס האבן אויפגעטון וואונדער, און מען האט פשוט נישט געקענט פאר־גלייכן דעם יאר צו די פאראנגאנגענע יארן.













ס'איז קיין צווייפל אז דער קאמפיין זעלבסט האט פארשאפט א געוואלדיגן נחת רוח פארן בא־שעפער און פארן צדיק, און האט זיכער גע'פועל'ט גרויסע ישועות פאר כלל ישראל בכלל, און פאר די עולים קיין אומאן בפרט.

די עסקנים מאכן קלאר אז דאס איז בעז"ה געווען דער אנפאנג צו א שפרודליגער מאסיווער פארז־עצונג, ביז ווען אלע, אלע אן קיין יוצא מן הכלל, וועלן פארשטיין די גרויסע אחריות און וויכטיג־קייט פון דעם ענין, און די קדושה וטהרה וועט הערשן אינעווייניג אין ציון אן קיין גרעניצן ■


בעזרת השם יתברך
אפילו ס'איז שווער
פארן רעבן זאגט
מען נישט ניין!
Eagle Group
זאג ניין פאר א סמארטפון ביים ציון!